STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02678

BORE GLEZERS ARBETN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָרע



בּאָרע גלעזער

געבוירן געוואָרן דעם 16טן נאָוועמבער 1921 אין ווילנע.

פֿון 1928 ביז 1934 געלערנט זיך אין דער סאָפֿיע גורעוויטש-שול,
פֿון 1934 ביז זײַן טויט געלערנט זיך אין דער ייִדישער רעאַל-גימנאַזיע.
געשטאָרבן דעם 12טן אַפּריל, 1937 אין ווילנע.

דאָס ביכעלע גיבן מיר אַרויס צו שלושים פון דעם אָוי פרי

פאַרשטאָרבענעם, אַזוי אַכזריותדיק פון אונדז אַוועקגעריסענעם

באָרע גלעזער

מיר, זיינע לערער און דערציִער, האָבן געוווּסט, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אָט דעם קינד.

ער איז געווען אונדזער שטאָלץ און אונדזער האָפענונג.

שוין אין דער פריִעסטער קינדהייט האָבן זיך ביי אים אַרויסגעוויזן מעלות פון אַ פולקומער פערזענלעכקייט.

מיט פרייד האָבן מיר געזען, ווי זיי וואַקסן צוזאַמען מיט אים.

מיר האָבן אים באַוווּנדערט און געווען שטאָלץ מיט אים.

פאַרמאָגנדיק אַזעלכע פערזענלעכקייטן קענען מיר אַריבערטראָגן אַל דאָס בייז, וואָס דאָס איצטיקע מיאוסע לעבן ברענגט אונדז, און אַרויסקוקן דרייסט אויף דער ליכטיקער צוקונפט. ער איז געווען אונדזער האָפענונג.

און פלוצים... די בלום איז פאַרוועלקט געוואָרן, איידער זי האָט אויפגעבליט.

די שריפטלעכע אַרבעטן, וואָס מיר גיבן דאָ, האָבן מיר צוליב אַ סך טעמים געמוזט קירצן, און דאָך איז אין זיי בולט קאָנטיק דער גרויסער מענטש: די גוטסקייט און פיינפיליקייט, דאָס קענען זיך אַריינלעבן אין פרעמדע ליידן, דאָס יושר-געפילניט פאַרמשפטן, דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער חוש ביים זוכן סיבות פון דערשיינונגען אין מענטשלעכן לעבן, די באַשיידנקייט און ריינקייט, דער גלויבן אין גוטס און נאָך אַ סך אַ סך ווערטפולע שטריכן, וואָס האָבן צו אים געוועקט די טיפסטע אַכטונג, וואָס האָבן ביי זיין גאַנצער באַשיידנקייט און שטילקייט, דאָך געפירט צו דעם, אַז אַלע, סיי דערוואַקסענע, סיי קינדער, זאָלן פאָלגן זיינע געבאָטן, וואָס ער האָט אפשר קיין מאָל אויף אַ קול ניט אויסגעדריקט, וועלכע האָבן אָבער ממש אַרויסגעשטראַלט פון אים: „זיי גוט און ערלעך און שטרעב כסדר צו ווערן פולקומער“.

די לעצטע בלעטעלער

... אויפן בוים הענגען דריי בלעטעלעך, געלע, פאַרדאַרטע. דער ווינט שמײַסט און וואָיעט. די דרײַ בלעטעלעך ציטערן, האַלטן זיך קוים אויפן צווײַג.

— אַך איז דאָס אַ ווינט! ער לאָזט ניט רוען!.. זומער איז דאָס געווען אַ לעבן! די פֿייגעלעך האָבן געצוויטשערט, אַרום זײַנען געווען בלעטער-חברים. איצט איז קיינער ניטאָ. אַלעמען האָט דער ווינט דער בייזער אַראָפּגעשמיסן. אויף אונדז איז שוין אויך באַלד געקומען דער סוף. אַך ווי ער רײַסט מיך!.. ער רײַסט מיך אָפּ... ראַטעוועט, ברידער! ער רײַסט! ער... האָט...

איין בלאַט איז אַראָפּגעפֿלויגן.

ביידע ברידער קוקן מיט שטומען שרעק אויף אים. און ער ציטערט, דרייט זיך אין דער לופֿטן, קעמפֿט מיטן ווינט. נאָר דער ווינט איז שטאַרקער. ער גיט אים אַ טראָג, אַ שמײַס אויף דר'ערד, ווידער אַ הייב...

ער זיפֿצט, קרעכצט אונטער די פֿיס פֿון די פֿאַרבײַגייענ-דיקע מענטשן...

די צוויי בלעטעלעך אויפן צווײַג גיבן אַ קוק איינער אויפן צווייטן, גיבן אַ ציטער. געווען אויפן בוים אַזוי פֿיל בלעטער, איצטער זײַנען זיי אַליין נאָר געבליבן... זיי גיבן ניט ווילנדיק אַ טראַכט וועגן גורל, וואָס דערוואַרט זיי. ביי דעם געדאַנק באַפֿט זיי אַ שוידער.

דער רעגן גיסט און העלפֿט מיט דעם ווינט אַראָפּצורײַסן די בלעטער פֿון בוים.

— מיר וועלן זיך לאַנג ניט האַלטן—זאָגט איין בלאַט—דער ווינט שמײַסט שרעקלעך. און איך וויל נאָך אַזוי לעבן... אַזוי...

ער איז אַראָפּגעפֿאַלן.

דער ווינט האָט אים אויפֿגעכאַפּט, געשלײַדערט, געוואָרפֿן...

דאָס איינציקע בלעטעלע אויפן בוים האָט געציטערט, גע-טראַכט מיט פּחד, אַז אָט פֿאַלט עס אַראָפּ. עס איז איינער אַליין אויפן בוים, אַ נאַקעטס, אַ פֿאַרוועלקטס... נאָר דער ווינט לאָזט עס ניט צו רו. ער הייבט עס און רײַסט עס באַלד אַראָפּ...

... דער רעגן גיסט, דער ווינט שמײַסט, און די דרײַ בלעטעלעך מיט נאָך אַ סך זייערע ברידער וואַלגערן זיך בײַ די מענטשן אונטער די פיס.

געשריבן אין יאָר 1933, אין 5טן קלאַס פון דער סאָציע גורעוויטש־שול. אַלט געווען 11 יאָר.

„ביימער זײַנען געגליכן צו מענטשן"

(„אַ בוים"—אַ. רייזען).

אַ וואַלד. ביימער. ביימער הויכע, דיקע; ביימער קליינע, דינע. איין בוים לעבן צווייטן; אַ קליינער לעבן אַ גרויסן.

די גרויסע, דיקע ביימער האָבן פאַרשטעלט דעם הימל. זיי שעפּן מיט זייערע קרוינען דאָס זונליכט, און צו די קלענערע ביימער קומט עס ניט צו. זיי נעמען צו פון דער ערד די פײַכטקייט, און פאַר די קלענערע ביימער בלײַבט ניט קיין זאַפט.

די קלענערע שמאַכטן אין פינצטערניש און טריקעניש. זיי הייבן זייערע דינע שטאַמען מיט די צעדרייטע צווײַגן צום הימל, ציִען זייערע אָרעמס צום ליכט.

וואַקסן זיי אַרויס דאַרע, טרוקענע און קרענקלעכע.

קומט אַ שטורעם — איז ער פאַר זיי געפערלעך.

די גרויסע ביימער וויגן זיך, האָבן הנאה, שאָקלען מיט די צווײַגן. אָבער די דאַרע קראַנקע ביימער פאַכן מיט דער נשמה. אָט־אָט און זיי ברעכן זיך איבער.

אָט שטייט אַ דאַרער בוים. זײַן קאָפּ איז אָפּגעבראָכן און הענגט אַראָפּ. די איבעריקע ביימער שאָקלען זיך אַרום אים, ווי זיי וואָלטן אים באַוויינט.

אַלע ביימער זײַנען צעטיילט.

*

עס קומט די צײַט פון שטאַרבן אויף יעדן בוים.

אָט שטייט אַ הויכער דעמב. זײַנע נאַקעטע צווײַגן סטאַרטשען אין הימל. די קאָרע פאַלט פון אים אָפּ.

לעבן אים שטייט אַ קליין ביימל, אָן בלעטער. אויך פאַר־טריקנט.

עס טרעפט אויך, ווען אין וואלד פאלט אריין גאר אן אנדער סארט שטורעם: פון העק און פון זעגן פאלן גרויסע און קליינע ביימער. עס הערן זיך פון יעדן ווינקל קלעפ פון די העק און קרעכצן פון די ביימער...

*

א בוים אין פעלד. איין בוים אין גרויסן פעלד. קיינעם שטערט ער ניט. איינזאם, אן חברים, אן שכנים—א נזיר. שטייט אין פעלד, הערט דאס געזאנג פון די פייגל. א ווינטעלע רוישט שטיל מיט זיינע בלעטער. שטייט ער און טראכט: זיין קערנדל איז אהער געווארן פארטראגן, די ערד האט אים אויפגענומען, און עס איז אויסגעוואקסן פון אים א בוים... א בוים א פילאסאף. ער שטייט טאג-איין טאג-אויס אויפן זעלבן פלאץ. אלע מאל זעט ער ווייט פון איין זייט דעם וואלד און פון דער צווייטער זייט דאס דערפל. א מאל שיינט איבער אים די זון, א מאל הענגען שווארצע וואלקנס. אין הארבסט פאלן אראפ זיינע בלעטער. אין פרילינג באקומט ער זיי ווידער. אזוי איז יאר-איין יאר-אויס. וואס דארף אים זיין שלעכט? ער מיינט, אז אים איז בעסער ווי אלעמען. דער ווארעם ליגט אין כריין און מיינט, אז ס'איז קיין זיסערס נישטא.

*

מיר קומען אין שטאט. מיר גייען אריין אין א פארק. לעבן יעדן בוים שטייט א ברעטל מיט זיין נאמען. מע היט זיי, מע זאל חלילה קיין צווייגל ניט צעברעכן. זיי שטייען שטאלץ און האלטן דעם צווייטן נידעריקער פון זיך. און טאמער וואקסט אויס א דאר צעקרימטביימל, שניידט מען עס גלייך אראפ.

אלע ביימער זיינען ווי מענטשן: די זעלבע צעטיילונג.

געשריבן אין יאר 1933, אין 5טן קלאס פון דער סאפיע גורעוויטש-שול. אלט געווען 11 יאר.

בארע גלעזער פארטיידיקט באנציען אויפן ליטעראַרישן משפט איבער „באנציע שווייג" אין דער סאפיע גורעוויטש-שול אין יאר 1934

אין פעברואַר 1933/34 האָט דער VI קלאַס פון דער סאָפיע גורעוויטש-שול אין ווילנע געלערנט צווישן אַנדערע פּרצעס ווערק „באָנציע שווייג". דער קלאַס האָט ניט מסכים געווען מיטן משפט פון „בית-דין של מעלה" און באַשלאָסן צו משפּטן באָנציען אויף דער וועלט.

דער קלאַס האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: באַשולדיקער און פאַרטיידיקער. באַרע גלעזער איז געווען אַ פאַרטיידיקער. נאָך אַ צוגרייטונג פון צוויי וואָכן איז פאַרגעקומען דער ליטעראַרישער משפט.

אַלס ריכטער האָט מען אויסגעקליבן פון עולם עלטערע שילער, אַביטוריענטן פון דער שול. צווישן די געסט זיינען אויך געווען: דער רעדאַקטאָר זלמן רייזען און דער באַוווּסטער יידישער אַרטיסט אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

דאָ גייט אַ קיצור פון באַרע גלעזערס רעפעראַט.

צו מיין וואָרט האָב איך זיך באַנוצט מיט די אַרבעטן פון: וו. שולמאַן, זלמן רייזען און אַ. קרעמער.

איידער מיר גייען באַשולדיקן באָנציען, דאַרפן מיר אַ קוק טאָן אויף זיין לעבן און כאַראַקטער.

ווער איז געווען באָנציע שווייג?

ער איז געווען אַ דערשלאָגענער, אומוויסנדיקער אַרבעטער. ער האָט אין זיין לעבן ניט געהאַט קיין פרייע מינוט, ווען ער זאָל זיך קענען פאַרטראַכטן וועגן זיין לאַגע. ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געלערנט. ער איז געווען אומוויסנדיק און פינצטער. ער האָט קיין חבר ניט געהאַט, וואָס זאָל אים קענען אויפווייזן זיין שלעכטע לאַגע. ער איז מיט קיינעם ניט געווען פאַרבונדן. ער איז געווען עלנט און איינזאַם.

באָנציע איז געווען אויף אַזוי פיל פינצטער, אַז ער האָט אַפילו ניט געוווּסט, אַז ער קען שרייען, און מיר קענען דעריבער פון אים ניט פאָדערן, ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן. און צוליב נאָך טעמים, וואָס איך וועל דאָ באַלד אויפווייזן.

פּרצעס „באָנציע שווייג" איז אַרויס אין יאָר 1894. מע קען אַלזאָ אָננעמען, אַז באָנציע האָט געלעבט אומגעפער פון 1850 ביז 1890.

לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי האָט דעמאָלט אויסגעזען דער יידישער אַרבעטער בכלל, און מיר וועלן זען, צי באָנציע איז געווען אַנדערש ווי די איבעריקע אַרבעטער —

אין באָנציעס צייט איז דער מאַסן-אַרבעטער געווען ניט-באַוווּסטזיניק, און די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער זיינען געווען ווייט פון דער מאַסע.

די באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשאַפן, איז געווען נאָר צווישן די פאַבריק־ און וואַרשטאַט־אַרבעטער. באַנציע איז אָבער געווען אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער. די לומפּן־פּראָלעטאַריער זײַנען נאָך אַפילו ערשט ניט גוט אָרגאַניזירט. איז ווי קענען מיר פאָדערן, זיי זאָלן דאַן זײַן אָרגאַניזירט? אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער האָט איבער זיך קיין באַלעבאָס ניט. אַלץ הענגט אָפּ פון אים אַליין. ער קען ניט פּראָטעסטירן קעגן קיינעם, ער קען ניט שטרײַקן קעגן קיינעם. אַז מען גיט אים אָוועקטראָגן אַ פּעקל און מע גיט אים ווייניק געלט, טראַכט ער אַזוי: אַז איך וועל וועלן מערער געלט, וועט מען מיר גאָר קיין אַרבעט ניט געבן. די אַרבעט צו געפינען איז שווער, לעבן דאַרף מען, איז צו וואָס דאַרף איך זיך אַנטקעגנשטעלן? אָבער אַז מע וועט אים דערקלערן, מע וועט אים אַרײַנציִען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ער וועט זײַן אויף פאַרזאַמלונגען, ער וועט זיך פאַראייניקן מיט נאָך טרעגער און אַלע וועלן אײַנשטעלן איין פּרײַז, דעמאָלט וועלן זיך זײַנע לעבנס־באַדינגונגען פאַרבעסערן. און דאָ וויל מען אים ניט אַרײַנציִען נאָר אָפּשטויסן מיט אַ שטראָף.

עס איז אויך לעכערלעך צו פאָדערן פון אים, ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן. ער האָט ניט געהאַט קעגן וועמען. ווי קענען מיר פאָדערן פון באַנציען, דעם ניט־באַוווּסטזיניקן אַרבעטער, ער זאָל פאַרשטיין מער פון אַ באַוווּסטזיניקן? אַפילו די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער האָבן צו ערשט ניט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אויפקלערן די מאַסע. ווי קענען מיר פון אים פאָדערן, ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן זײַנע אונטערדריקער, ניט שווײַגן, זיך ניט לאָזן עקספּלאָאַטירן?

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז באָנציע שווײַג האָט געלעבט אין דער פינצטערער צאַרישער צײַט. אונדז איז אפשר שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַן אַרבעטער זאָל זיך אַזוי לאָזן עקספּלאָאַטירן. אָבער מיר דאַרפן געדענקען, אַז באָנציע האָט געלעבט מיט 60—70 יאָר צוריק, און מיר לעבן אין אַן אַנדער צײַט. זײַן פינצטערניש איז פאַר באָנציען ניט קיין שאַנד, און מע דאַרף זיך פון אים ניט אָפּקערן. עס איז גיכער אַ שאַנד פאַר די, וואָס האַלטן אויף באָנציעס פינצטערניש, וואָס לאָזן צו אים ניט צו קיין ליכט. עס איז אַ שאַנד פאַר די, וואָס האָבן געזען באָנציען און זיך מיט אים ניט פאַראינטערעסירט. מיר קענען בשום אופן ניט זאָגן, אַז באָנציע האָט געוואָרפן אַ פלעק אויף די אַרבעטער, ווײַל דעמאָלט זײַנען כמעט אַלע אַרבעטער געווען אַזוי ווי באָנציע.

אַזאַ אַרבעטער ווי באָנציע קען מען אַלזאָ ניט שטראָפן. מען מוז אים לערנען.

שולדיק אין באָנציעס דערשלאָגנקייט איז זײַן דערציִונג. אין זײַן קינדהייט האָט ער קיין פרייד ניט געהאַט. מע פלעגט אים שלאָגן און ער פלעגט גאָרניט קענען טאָן. קעגן פאָטער און קעגן דער מוטער האָט ער דאָך ניט געקענט פּראָטעסטירן. ווײַל וואָס וואָלט געהאָלפן זײַן פּראָטעסט? מע וואָלט אים נאָך מער געשלאָגן. מע האָט אים צוגעוווינט צו שווײַגן,

און ווען ער האָט שוין געקענט פראָטעסטירן, האָט ער אויך ניט געוווסט, אַז ער קען דאָס, ווײַל ער איז געוואָרן אין גאַנצן פאַרטעמפט פון די ליידן.

שולדיק זײַנען די, וואָס האָבן געזען באָנציען און זיך מיט אים ניט פאַראינטערעסירט.

שולדיק איז די דעמאָלטיקע פינצטערע צײַט, ווען עס איז געווען אַזוי שווער אײַנצואָרדענען די אויפקלערונג פון די מאַסן, און דערפאַר האָט קיינער באָנציען ניט אויפגעוויזן, אַז ער דאַרף ניט שווײַגן. אָבער באָנציע איז ניט שולדיק.

אָט די אַלע סיבות האָבן געווירקט, באָנציע זאָל זײַן אַזוי אָפגעשטאַנען און נידערשלאָגן.

מע קען אָבער אין דעם ניט באַשולדיקן באָנציען. וועמען באַשולדיקט מען דאָ? מע באַשולדיקט דאָ באָנציען דעם אומגליקלעכן, פינצטערן מענטשן, דעם פון דער געזעלשאַפט אַרויסגעשטויסענעם.

„ווען אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט“ — זאָגט פרץ. מע באַשולדיקט אים דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געוווסט, אַז זײַן שווײַגן טויג ניט, אַז ער דאַרף ניט פאַרשווײַגן די עוולות.

באָנציען קען מען דאָ פאַרגלײַכן צו אַן אומגליקלעכן קראַנקן. אַנשטאָט צו טראָגן אים הילף, הייבט מען זיך אָן קריגן. און עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָגן, אַז עס איז זייער מיאוס פון זײַן זײַט, וואָס ער איז קראַנק, ער וואַרפט מיט דעם אַ פלעק אויף די געזונטע, און מע הייסט אים, ער זאָל זײַן אַזוי גוט און ווערן געזונט.

און אויב ער קען ניט ווערן געזונט? — דאַרף מען אים פאַרניכטן! זאָגן יענע מענטשן.

אָבער דאָס איז דאָך אַ באַרבאַרישקייט. די ספאַרטאַנער פלעגן די קראַנקע קינדער אַראָפוואַרפן פון אַ פעלדז. אָבער מיר זײַנען דאָך ניט קיין באַרבאַרן! מיר זײַנען דאָך ציוויליזירטע מענטשן! ווי קענען מיר נעמען אַ קראַנקן מענטשן און פאַרניכטן? ווײַל שטראָף הייסט פאַר באָנציען פאַרניכטונג.

באָנציע איז אַזוי ווי אַ שעפס, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט איבער דער נאַכלעסיקייט פון פאַסטעך, און אַ וואָלף האָט אים געכאַפט. באַשולדיקט מען דאָ ניט דעם פאַסטעך, וועלכער האָט גורם געווען אַז דער שעפס זאָל פאַרצוקט ווערן, נאָר מע באַשולדיקט דאָ דעם שעפס, וועלכער האָט זיך געלאָזן אויפעסן.

די געזעלשאַפט האָט פאַרנאַכלעסיקט באָנציען און ערשט משפט מען אים!

און ווער באַשולדיקט דאָ באָנציען? איר, איר וואָס באַשולדיקט אים, צי האָט איר אַ מאָל געליטן הונגער? ניין! איר האָט קיין מאָל ניט געהונגערט! איז מיט וואָס פאַר אַ רעכט גייט איר באַשולדיקן אַ הונגעריקן?

צי זײַט איר ווען עס איז געווען אומגליקלעך? ניין! איר זײַט קיין מאָל אומגליקלעך ניט געווען! איר גייט באַשולדיקן אַן אומגליקלעכן. איר גייט אים באַשולדיקן; אָבער צי האָט איר געהאָלפן אַן אומגליקלעכן, ווען

איר האָט אים געזען שלעפּנדיק שווערע משא אין גאַס? ניין! דעמאָלט האָט איר זיך אַפילו וועגן אים ניט פאַרטראַכט!

אײַך איז לײַכט צו זאָגן: פּראָטעסטירן!

צי האָט איר אָבער אַ מאָל פּרובירט פּראָטעסטירן קעגן אַ שטאַרקערן? ניין! איר הייסט אים קעמפן. אָבער צי האָט איר ווען עס איז געקעמפט? ניין! עס קומט אויס, ווי איר וואָלט אין סאַמע ברען פון דער שלאַכט געלעגן אויפן בוידעם און געשריִען: „קעמפט!" און אויב איר זעט אַזאַ, וואָס קעמפט ניט, שרײַט איר: „שעם זיך! ווי קענסטו דאָס ניט קעמפן אין דער צײַט, ווען אַלע קעמפן? דו וואַרפסט אַ פלעק אויף אַלעמען!" אַזעלכע מענטשן באַשולדיקן דאָס באַנציען, מענטשן, וואָס שטעלן זיך ניט פאָר, אין וועלכע באַדינגונגען באַנציע האָט געלעבט.

באַנציע דאַרף, מע זאָל אים אויפקלערן. מאַכט מען אַ רחמנות-פּנים, מע באַדויערט, וואָס ער איז אַזוי אומגליקלעך, און—מע וויל אים שטראָפן. באַנציען טאָר מען ניט שטראָפן.

ווען אַ שרײַבער שרײַבט אַ בוך, האָט ער אין דעם אַ געוויסן ציל. אַזוי האָבן למשל פּרוס בײַם אָנשרײַבן „אַנטעק" און סענקיעוויטש בײַם אָנשרײַבן „יאַנקאָ דער שפּילער" געוואָלט אונדז ווײַזן די פינצטערניש פון די פויערים און ברענגען דערצו, אַז די, וואָס לערנען דאָס, זאָלן העלפן די פויערים און זיי אויפקלערן. אויך פּרץ האָט געוואָלט, אַז די וואָס לייענען „באַנציע שווײַג" זאָלן, זעענדיק די אומוויסנהייט פון דער מאַסע, איר העלפן און זי אויפקלערן. פּרץ האָט געלערנט די מאַסע און געוואָלט, אַז מיר זאָלן זי אויך לערנען. אַשכנזי דערציילט, ווי פּרץ פלעגט אים שטענדיק זאָגן: דאָס פאָלק, די אומגליקלעכע מאַסע מוז מען בילדן. מע האָט זי פאַרנאַכלעסיקט. דערפאַר, זאָגט פּרץ, האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן אויף יידיש, כּדי די מאַסע זאָל פאַרשטיין און זיך בילדן.

פּרץ פלעגט אויך אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען, כּדי צו לערנען די מאַסע.

פּרץ האָט דאָ אַפילו ניט געהאַט אין זינען צו זאָגן, אַז באַנציע וואַרפט אַ פלעק אויף אַלע אַרבעטער, ווײַל פּרץ האָט בכלל ניט געשטעלט דאָס יידישע לעבן צום שאַנדסלופּ. און דאָ נעמט מען און מע דרייט איבער פּרצעס געדאַנקען קאַפּויער, מיטן קאָפּ אַראָפּ, און מע וויל גאָר באַנציען באַשטראָפן. די באַשולדיקער, קומט אויס, זאָגן, אַז אַזאַ מענטשן, וואָס ער פאַרשטייט עפּעס ניט, דאַרף מען באַשטראָפן. ווען פּרץ וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און וואָלט געווען דאָ אויפן משפּט, וואָלט ער לויט אײַערע רייד אײַך געדאַרפט שטראָפן, ווײַל איר פאַרשטייט לחלוטין ניט דעם מיין פון „באַנציע שווײַג". אין דעם פאַל קען קיין שטראָף ניט ברענגען קיין נוצן. עס איז דאָ אַ פּאָפּולערער שפּריכוואָרט, אַז „אַ געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן ניט ווײַזן". אַז מע וועט באַנציען, אַ מענטש, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן, ווײַטער פאַרמשפּטן אויף לײַדן, נו, דעמאָלט, ווײַזט אויס, האָבן שוין די מענטשן גאָרניט קיין חוש פאַר גערעכטיקייט.

וואָס פאַר אַ נוצן קען דאָ ברענגען אַ שטראָף?

אויפקלערונג אָבער קען ברענגען אַ סך נוצן. אַז מענטשן קלערט מען אויף, בעסערן זיי זיך אויס. אָט איז למשל דער פילם „היימלאָזע“. מען האָט גענומען פון גאַס גנבים, מע האָט זיי אַריינגענומען אין אַן אַנשטאַלט, מע האָט זיי געלערנט, און עס זיינען אויסגעוואַקסן לערער, אינזשיניערן און אַנדערע. באַנציען האָט מען ניט געלערנט. מיר זיינען אַלע עגאָיסטן! וויפל באַנציע שוויגס האָבן מיר געזען אין גאַס? אָבער מיר האָבן אַפילו וועגן זיי ניט אַ טראַכט געטאָן. און ערשט גייען מיר משפטן אַזאַ באַנציען. מיר טראַכטן נאָר וועגן זיך, וועגן אונדזער בילדונג, אָבער וועגן די אומגליקלעכע, פינצטערע באַנציעס טראַכטן מיר ניט.

וויפל מאָל האָב איך געזען אין צייטונגען אַנטשולדיקונגען פון אַרבעטער, וואָס האָבן געטאָן אַ פעלער און מע האָט זיי אויפגעוויזן. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר דער אַרבעטער-עפנטלעכקייט און פאַרזיכערט, אַז אַזוי וועט מער ניט זיין.

מיר זאָגן ניט, אַז שווייגן איז גוט. אַדרבא, שווייגן טויג ניט, נאָר באַנציע איז געווען פינצטער און אָן וויסן. ער האָט ניט געוווּסט, אַז שווייגן טויג ניט, און ער האָט אַפילו ניט געהאַט קעגן וועמען צו פּראָטעסטירן. אַזעלכע פינצטערע מענטשן ווי באַנציע שוויים קען מען ניט משפטן, ווייל זיי ווייסן ניט, אַז שווייגן טויג ניט, און זיי פאַרשטייען ניט, אַז מע דאַרף זיך פאַראייניקן און ערשט דעמאָלט קען מען שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

אין יענע צייטן איז ניט געווען, ווער עס זאָל באַנציען אויפקלערן. אָבער אויב עס טרעפן זיך ערשט אַזעלכע מענטשן ווי באַנציע שווייג, דאַרף מען זיי אויפקלערן און עס איז זיכער, אַז זיי וועלן ווערן נוצלעכע מענטשן פאַר דער געזעלשאַפט. מע דאַרף אַזעלכע מענטשן לערנען, און מיט דעם וועט מען שאַפן אַ גערעכטיקע וועלט, ווו עס וועלן ניט מעגלעך זיין אַזוינע באַנציעס. די נייע וועלט בויען מיר ניט מיט שטראָפן, נאָר מיט לערנען.

חברים ריכטער! געדענקט, אַז אויב איר וועט באַנציען באַשטראָפן, איז דאָס אַן אורטייל איבער מיליאָנען פינצטערע אַרבעטער מיט לאַסט אויף די פלייצעס, אין פינצטערע וואַרשטאַטן און אונטער דער ערד, וואָס מע דאַרף זיי אויפקלערן.

חברים ריכטער! איר וועט טאָן אַ גרויסן פאַרברעכן, אויב איר וועט אין אורטייל ניט זאָגן, אַז באַנציען דאַרף מען אויפקלערן, ווייל איר וועט מיט דעם פאַרמשפּטן אַלע ניט-באַוווּסטזיניקע אַרבעטער אויף ווייטערדיקער פינצטערניש. איר דאַרפט זיך שטעלן אויף דער זייט פון ליכט. דער טאָג, דאָס ליכט, קעמפט קעגן דער נאַכט, דער פינצטערניש און קעגן אומוויסנהייט. די נאַכט און די אומוויסנהייט מוזן פאַלן צוזאַמען מיט די, וואָס האַלטן זי איין!

געשריבן אין 1934 אין 6טן קלאַס פון דער סאָפיע גורעוויטש-שול.
אַלט געווען 12 יאָר.

אונדזער ליטעראַרישער משפּט

איך בין געווען זיכער, אַז די פּאַרטיידיקונג איז גערעכט. און איך בין אויך געווען זיכער, אַז מיר וועלן זיגן. אמת, דערנאָך ביך איך געפאַלן אין מײַן זיכערקייט, ווײַל „ווו דער שטאַרקער*), דאָרט איז די גערעכטי־קייט", אָבער ביזן סוף, ביזן זיג האָב איך געגלייבט, אַז מיר זײַנען גערעכט. אמת. עס האָט זיך געווענדט אַ סך אין די ריכטער.

מיר האָבן געשטרעבט צו וואָס מער רויִקע ריכטער, וואָס טראַכטן זיך אַרײַן, צום בעסטן דערוואַקסענע. מ'האָט אָבער אויסגעקליבן ריכטער, וואָס מיר האָבן לחלוטין ניט געוווּסט זייער מיינונג וועגן דער זאַך.

די עדות, האָב איך פון אָנהייב געוווּסט, אַז זיי וועלן קיין גרויסע ראָל ניט שפּילן. און דערפאַר האָב איך געשטעלט ווייניק פראַגעס. די ריכטער פלעגן אַפילו ניט הערן גוט, וואָס די עדות ריידן.

כ'האָב אָנגעשריבן מײַן רעדע און איך בין מיט איר געווען פולשטענ־דיק צופרידן. איך האָב גערעכנט, אַז אויב אַלע רעדעס וועלן זײַן אַזוי און נאָך בעסער, זײַנען מיר זיכער מיטן זיג. די רעדע האָב איך איבערגעלייי־ענט פאַר זיך אַליין, און זי האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק. די גאַנצע רעדע האָט פאַרן משפּט קיינער ניט געהערט חוץ דעם לערער.

דער משפּט. איך בין געקומען עפּעס אין שרעק, ווי אויף אַ פּראָבע. איך בין אָבער געגאַנגען גאַנץ רויִק, דאָס האַרץ האָט מיר ניט געקלאַפּט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן. די עדות—ניט זייער אינטערעסאַנט, צום סוף איז געוואָרן גוט נודנע.

דערווײַל האָבן מיר אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע סעלצן־וואַסער, און פאַר די רעדעס איז גאָרניט געבליבן.

נאָך די עדות זײַנען מיר אַראָפּ אויפן הויף. די הערן פאַרטיידיקער און באַשולדיקער האָבן געשפּילט אין יאָגעניש.

מיר זײַנען צוריק אַרויף און געטרונקען טיי.

די רעדעס פון דער באַשולדיקונג, זייער גוטע. אויף אַלעמען געמאַכט אַן אײַנדרוק. אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז זיי זיגן, חוץ דער פאַרטיידיקונג.

ווער עס גלייבט אין זיך, יענער אַנטוישט זיך ניט. מיר האָבן גע־גלייבט, אַז מיר וועלן זיגן. מיר האָבן געוווּסט, אַז אָט באַלד וועלן זיך אַלעמענס מיינונגען אַ וואַקל טאָן, און מע וועט אָנהייבן גלייבן אין דעם, אַז מיר זײַנען גערעכט. נאָך יעדער רעדע פון דער פאַרטיידיקונג בין איך געוואָרן אַלץ זיכערער אין דעם.

צווישן עולם איז געווען דער אַרטיסט גראַנאַך, וועלכער פלעגט קוקן אויפן ריידנדיקן און אים שלינגען מיט די אויגן.

עס איז אָנגעקומען מײַן ריי. איך בין געוואָרן אַ ביסל בלאַס. גראַנאַך און רייזען זײַנען אין זאַל! פון דער צווייטער זײַט האָב איך געוווּסט פאַר וועמען איך רייד דאָ. וואָס ווײַטער איך האָב געלייענט, האָב איך פאַרגעסן,

---

*) אַ רמז, אַז דער לערער האַלט מיט די באַשולדיקער.

פאַר וועמען איך רייד, ווער עס הערט מיך. איך האָב נאָר געדענקט, וואָס איך רייד.

איך האָב געענדיקט. מע האָט מיר אַפּלאָדירט. איך בין פאַרשוויצט. איך וויל אַ טרונק, אָבער עס איז ניטאָ. נאָך דאַניעס רעדע וועט מען אַרויס־טראָגן דעם פּסק־דין.

נאָך דאַניען האָט זיך געשטעלט גראַנאַך. ער האָט גערעדט. אָבערריידן קען זיין פאַרשיידן. און צו זיין ריידן קען איך ניט געפינען קיין עפּיטעט. בטבע האָב איך פיינט זשעסטיקולאַציע, נאָר ביי גראַנאַכן איז דאָס געווען אַזוי צוגעפּאַסט, אַז איך האָב ניט געקענט אָפּרייסן פון אים די אויגן.

נאָך אים האָט גערעדט ז. רייזען.

עס זיינען אַרויס די ריכטער און איבערגעלייענט דעם פּסק־דין.

מיר האָבן געזיגט!

געשריבן אין 6טן קלאַס פון דער סאָפּיע גורעוויטש־שול גלייך נאָכן משפט. אין 1934. אַלט געווען 12 יאָר.

אויף דער לוויה פון באָרע גלעזער

זעלבסט-כאַראַקטעריסטיק

איך בין אַ הויכער. די האָר שוואַרצע, אָפּגעשאָרן אין אַ גריוועקע. אַ מאָל האָב איך געהאַט בלאָנדע האָר און לאָקן. איצטער זײַנען זיי גלאַט.

איך בין אַ גאַנץ שטאַרקער. איך האָב אָבער פײַנט זיך צו שלאָגן, נאָר ווען מע פּאַרטשעפּעט מיך, גיב איך אָפּ צוריק.

איך האָב זייער ליב צו לייענען. איך קען אָבער לייענען נאָר די ביכער, וואָס איך שפּיר, אַז איך פאַרשטיי זיי.

איך האָב זייער ליב מוזיק. כמעט ווי יעדע מוזיק געפעלט מיר.

איך האָב פיל פאַרגעניגן פון רעכענען. אין יעדן באַרעכנטן רעכע-נונג פיל איך אַ תענוג.

איך האָב ליב צו שפּילן אין פאַרטייִשע שפּילן. איך האָב אויך זייער ליב ספּאָרט.

איך בין ניט קיין אָפענער. צי דאָס איז אַ גוטע מידה, אָדער אַ שלעכטע, ווייס איך ניט. אַז מען פרעגט מיך, ענטפער איך, אָבער אַליין רייד איך ניט. איך קען ניט ריידן, ווען מען דאַרף, נאָר ווען עס רעדט זיך. למשל, דער פעטער איז געקומען. מע פרעגט מיך, פאַר וואָס איך שווײַג. איך קען אָבער ניט ריידן. קיין שעמעוודיקייט איז דאָס געוויס ניט, נאָר איך קען ניט ריידן.

איך האָב אַ ברודער. איך האָב אים ליב. די עלטערן טרײַבן איבער: זיי זאָגן, אַז מיר שלאָגן זיך (דאָס הייסט, זיי זאָגן, אַז איך שלאָג אים). איך גיב אים טאַקע אַ מאָל. נאָר עס רעכנט זיך ניט.

איך בין ניט קיין נאַשער. אַז מען גיט מיר אַ מאָל אויף אַ נאַשערײַ, ליגט דאָס, ביז וואַנען איך קויף פאַר דעם אַ העפט, אָדער איך גיי אין קינאָ.

אין קינאָ גיי איך זעלטן. אָבער איך האָב ליב קינאָ. איך האָב ליב ניט אַלע בילדער. מיר געפעלן נאָר קאָמעדיעס, וויסנשאַפטלעכע עקספּעדי-ציעס און בילדער פון די הייסע לענדער.

מע זאָגט, אַז איך קען שיין באַשרײַבן און שיין לייענען. נאָר אַ האַנטשריפט האָב איך ניט קיין שיינע. דאָס זאָגן אַלע און אַליין זאָג איך דאָס אויך. נאָר איך קען זי ניט פאַרריכטן. ווען איך שרײַב זייער פאַ-מעלעך, קומט נאָך ווי עס איז אַרויס, אָבער שרײַבן פאַמעלעך קען מען ניט.

איך קען ניט שרײַבן קיין בריוו. און בריוו מוז מען דאָך שרײַבן. מאַטער איך זיך. אַ קורצער בריוו גייט נאָך ווי עס איז אַרויס, נאָר קיין לאַנגן האָב איך קיין מאָל ניט געשריבן.

איך האָב ליב פאָרצושטעלן. איך פיל אין דעם אַ הנאה.

איך האָב זייער ליב בעלי-חיים. איבערהויפּט אַ הונט. איך טרוים אַפילו איצטער צו האָבן אַ גרויסן שיינעם הונט. נאָר עס איז כמעט ווי אוממעגלעך, ווײַל מײַן מאַמע מיטן טאַטן האָבן פײַנט הינט מיט קעץ.

געשריבן אין 5טן קלאַס פון סאָפיע גורעוויטש-שול אין יאָר 1933.
אַלט געווען 11 יאָר.

איך האָב ליב

וואָס האָב איך ליב? ס'איז שווער צו ענטפערן. עס זײַנען דאָ פיל זאַכן, וואָס מיר דוכט זיך, אַז איך האָב זיי ליב, אָבער דאָס איז ניט אַזוי. און פאַרקערט, זאַכן, וואָס זײַנען מיר אין גאַנצן אַזוי ווי גלײַכגילטיק, האָב איך ליב.

איך האָב ליב ביכער. מיט עטלעכע יאָרן צוריק פלעג איך קיין אַנדער זאַך ניט טאָן: אין יעדער פרײַער מינוט (און אַזעלכע האָב איך געהאַט אַ סך) פלעג איך לייענען. איך פלעג ווייניק איבערקלײַבן. איך פלעג „שלינגען" ביכער איינס נאָכן אַנדערן, זוכנדיק אין זיי נאָר די מעשה. איך פלעג זיך ניט אָפּשטעלן אויף זיי, און זיי פלעגן זיך בײַ מיר אין קאָפּ צונויפּמישן.

ערשט לייען איך ווייניקער ביכער, ווײַל איך האָב ווייניק צײַט. אָבער איך האָב זיי דערפֿאַר מער ליב. ווען איך לייען איבער אַ בוך, פֿאַרטראַכט איך זיך וועגן אים. איך זוך ניט די מעשה, איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם מיין פון מחבר, אויף זײַן פאָרם. אַ בוך, וואָס איך וואָלט פרײַער געלייענט מיטן גרעסטן אינטערעס, וואָלט איך ערשט אַוועקגעלייגט ניט ענדיקנדיק עס.

איך האָב ליב בײַ נאַכט, ליגנדיק אין בעט, איבערקײַען נאָך אַ מאָל דאָס בוך, און אַ מאָל פֿאַלט מיר דערבײַ אײַן אין גאַנצן אַ נײַער געדאַנק. טראַכטנדיק וועגן בוך, פֿאַנטאַזיר איך אַ ביסל. אַ מאָל פלעג איך צונויפּ־שטעלן אַזעלכע משונהדיקע חלומות, אַז ערשט לאַנג איך פון זיי אַליין. איך פלעג זיך פֿאָרשטעלן, אַז איך בין אויפן אָרט פון העלד פון בוך. איך פלעג טראַכטן, וואָס איך וואָלט געטאָן אויף זײַן אָרט. אַ מאָל פלעג איך אַזוי איבערמאַכן דאָס בוך, אַז דער מחבר אַליין וואָלט עס ניט דערקענט.

די צײַט פון די חלומות איז בײַ מיר געוויינטלעך געווען בײַ נאַכט, ליגנדיק אין בעט, אָדער אין דער פרי, איידער איך פלעג אויפשטיין.

איצט אָבער שלאָף איך אײַן, ווי נאָר איך לייג זיך, און שטיי אויף, ווען מע מוז זיך אָנטאָן, כּדי צו גיין אין שול. און דערפֿאַר בלײַבט מיר קיין צײַט ניט פֿאַר פֿאַנטאַזיעס. איבעריקנס פיל איך שוין ניט אין דעם קיין באַדערפעניש.

דאָס זײַנען אַלץ גײַסטיקע פֿאַרגעניגנס. אָבער קיין מענטש קען מיט דעם אַליין ניט אויסקומען, און איך בין אויך ניט קיין מלאך. און ווי קען מען ניט ליב האָבן צו ליגן זומער אויפן הייסן זאַמד? און דערנאָך זיך אַרײַנגיין אָפּפרישן אין טײַך? מע פילט דערבײַ, ווי מען וואָלט געוואָרן לעבעדיקער, שטאַרקער.

און קען מען ניט ליב האָבן אַרומצוּיאָגן זיך איבער ברייטע, פֿאַר־שנייטע פעלדער און בערג אויף אַ פּאָר נאַרטעס? און איז ניט קיין פֿאַרגע־ניגן דעמאָלט אַרײַנצופֿאַלן אין טיפן ווײַסן שניי? ווען מע פליט באַרג־אַראָפּ, און דער ווינט פײַפט אין די אויערן, דוכט זיך, אַז מע איז אין דער לופטן. עס איז עפּעס אַזוי לײַכט, אַז מע פילט ניט די שווערקייט פון אייגענעם קערפּער.

און ווען מען איז אויפן גליטש! דער גליטשער שניידט דעם אייז און מע פליט ווי א שד, מע וויל אַרויסשפּרינגען פון זיך און לויפן גיכער; מע פילט ניט קיין פאַרמאַטערטקייט, ביז מע האַלט זיך ניט אָפּ. און ווען מע בלייבט שטיין, דערפילט מען ערשט, אַז מען איז געפלויגן.

קען מען דאָס ניט ליב האָבן?

געשריבן אין 1936, אין 3טן קלאַס פון דער רעאַל-גימנאַזיע.
אַלט געווען 14 יאָר.

טביהס הומאָר

ווען איך זאָל זיך פאַרטראַכטן: וואָס איז טביה? וואָס פאַר אַ שטריך פון זיין כאַראַקטער זעען מיר בולטער פון אַלע? וואָס געפעלט מיר צום-מערסטן אין טביהן? — וועט דער ענטפער זיין: טביהס הומאָר.

עס זיינען דאָ מענטשן הומאָריסטן, וואָס געפעלן אונדז מיט זייער הומאָר, אָבער דער הומאָר איז ניט זייער הויפּטשטריך — דאָס איז ביי זיי נאָר אַ ביי‌זאַך.

ביי טביהן איז דער הומאָר תּוך דער פון לעבן. דער הומאָר איז אַ טייל פון טביהן, וואָס מע קען פון אים ניט אָפּרייסן. וואָס וואָלט טביה געווען אָן זיין הומאָר? אַן אָרעמער, דערשלאָגענער יידל, וואָס זיינע צרות האַלטן אים ביים האַלדז, און זיי וואָלטן אים טאַקע דערשטיקט, ווען ניט זיין הומאָר. זיין הומאָר העלפט אים אַריבערטראָגן אַלע צרות און דאגות.

אַזוי פיל אומגליקן האָבן טביהן געטראָפן. איין טאָכטער איז אַוועק-געפאָרן נאָך איר מאַן קיין סיביר; אַ צווייטע האָט זיך געשמדט, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ קריסט; אַ דריטע האָט זיך דערטרונקען צוליב אַן אומגליק-לעכער ליבע; אַ פערטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ גביר, וואָס האָט זיך דער-נאָך מיט זיין שווער, מיט טביהן, געשעמט. און סוף כל סוף טרייבט מען טביהן אַראָפּ פון זיין ערד, ווו ער האָט געוווינט, פון זיין געבוירן אָן, ווו עס האָבן געוווינט זיינע זיידעס און עלטער-זיידעס.

און דאָס אַלץ טראָגט טביה אַריבער. ער ווערט טאַקע גרוי און אַלט, אָבער ער ווערט ניט פאַרצווייפלט און נידערשלאָגן, ער האָפט אויף בעסערס, אויף יעדער זאַך האָט ער אַ ווערטל, אַ וויץ. זייער אָפט איז טאַקע דער וויץ דורכגעזאַפּט מיט טרערן. אָבער דאָך רופט ער אַרויס אַ שמייכל, אַזוי ביי אונדז, ווי אויך ביי טביהן אַליין. און ווייל דער וויץ, די חכמה, דאָס ווערטל רופן אַרויס אַ שמייכל אויך ביי טביהן, העלפן זיי אים טאַקע אַריבערטראָגן אַלע זיינע צרות. טביה פאַרגעסט אויף אַ ווילע אָן זיי, און אויף זיין צעקנייטשטן פּנים ווייזט זיך אַ שמייכל.

אַלץ, וואָס טביה טראַכט, אַלץ, וואָס ער מיינט, דריקט ער אויס מיט הומאָר. דער הומאָר איז ניט קיין פּוסטער וויץ. דאָס איז אַ טיף דורכגעפיל-טער געדאַנק. מיר זעען דאָ טביהס אָנשויונגען, זיין כאַראַקטער. פון הומאָר קענען מיר אַרויסנעמען טביהס גאַנצע כאַראַקטעריסטיק.

קיין גרויסער למדן איז ער ניט: זײַנע פּסוקים טײַטשט ער אויס גאַנץ פרײַ, אויף זײַן שטייגער — אַ מאָל איז דער טײַטש ניט ענלעך צום אָריגי־נאַל. למשל, אַזאַ ווערטל: „לא דובים ולא יער—ניט קיין סחורה, ניט קיין געלט, נאָר גלאַט אַזוי צרות". זייער אָפט אָבער זאָגט טביה אַ ווערטל גאָר צוליבן גראַם. למשל: „למנצח על הגתית—אַז עס גייט, לויפט עס". און כאָטש דער פּסוק איז פאַרטײַטשט אין גאַנצן אַנדערש, קלינגט ער גוט.

אין טביהס שפּראַך איז דאָ אַ שפע פון פאָלקסווערטלעך, שפּריכווער־טער, אַ גאַנצע זאַמלונג פון פאָלקלאָר.

טביה איז בונטאַריש. אויך דאָס דריקט זיך אויס אין הומאָר.

טביה זאָגט: „איך בין מיט גאָטס הילף געווען אַ ביטערער אָרעמאַן."

טביה זעט, אַז גאָט טוט דאָ ניט גערעכטיק, און דעריבער שרײַבט ער וועגן אים מיט איראָניע, מיט הומאָר.

צו זײַן אייגענער אָרעמקייט באַציט ער זיך אויך הומאָריסטיש. ער זאָגט, אַז זײַן ווײַב איז אַ בריה: „פון גאָרניט בראָקט זי לאָקשן, פון פינגער מאַכט זי זאַציערקעס, מיט נסים מאַכט זי שבת און מיט בו־כענצעס לייגט זי די קינדער שלאָפן".

טביה איז אַ גוטער פאָטער און מאַן. ער זאָרגט שטענדיק פאַר זײַן משפּחה. פון דעסט וועגן ווילט ער זיך איבער זײַן אָרעמקייט. ער נעמט זיך ניט שטאַרק צום האַרצן. ווען ער פאַרלירט זײַן קאַפּיטאַל אויף דער בערזע, זאָגט ער: „ניע בילאָ או מיקיטי הראָשי, אי ניע בודע": „אויף געלט, קינדערלעך, דאַרף מען שוויצן". ער ווייס, אַז דורך לופטגעשעפטן וועט ער רײַך ניט ווערן.

אַ באַזונדערער קאַפּיטל אין טביהס לעבן איז פּעפּערל. ווען טביה האָט דעם ערשטן מאָל געטראָפן פּעפּערלען, האָט ער גלײַך דערפילט, אַז ער איז אים אַ קרובהשע נאַטור. כאָטש טביה איז שוין געווען אַן עלטערער ייִד און פּעפּערל אַ יונגער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער, זײַנען זיי ווי צו־געקלעפּט געוואָרן איינער צום אַנדערן. און קרובהשס אין זיי איז גע־ווען דער טיפער, קלוגער הומאָר, מיט וועלכן טביה צייכנט זיך אויס. זיי פלעגן קענען זיצן שעהנווײַז צוזאַמען און ריידן. עס האָט זיך געשפּירט אַזאַ האַרמאָניע צווישן זיי. עס איז פּשוט געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן זייערע ווערטלעך און די טיפע הומאָריסטישע שמועסן. ערשט ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָט מען געקענט גוט זען טביהס הומאָר. און ווען פּעפּערל איז אַוועקגעפאָרן, איז דאָס פאַר טביהן געווען אַ קלאַפּ.

בײַ טביהן האָבן מיר אַ סך הומאָר דורך טרערן. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. ער האָט אַ סך דאגות און אין זײַן הומאָר שפּיגלען זיך די דאגות אָפּ. ווען ער רעדט וועגן זײַן אָרעמקייט, וועגן זײַנע טעכטער, זעען מיר, אַז עס קרענקט אים. אמת, ער איז ניט אַזוי ווי אַנדערע, וואָס ווײַ־נען, שרײַען, קלאָגן. ער איז דאָך טביה—און טביה איז ניט קיין ייִדענע, ער וויינט ניט. זײַנע אינעווייניקסטע איבערלעבונגען ווײַזט ער ניט אַרויס. און אויב ער ווײַזט זיי אַ ביסל אַרויס, זײַנען זיי פאַרקליידט אין הומאָר, אַז מע פילט ניט אַרויס אַזוי שטאַרק דעם ווייטאָג.

טביה וויל זײַן אַ גביר. גלײַכצײַטיק באַציט ער זיך אָבער צו גבירים זייער איראָניש. ער זאָגט: „אַ משכון פאַרזעצן און אַ גביר זאָל מען זײַן". אָבער די גבירים זײַנען פאָרט טביהן ניט צום האַרצן. זײַן ווײַב איז אים אין דער ראָל פון אַ גבירנטע זייער ניט סימפּאַטיש. „זי וועט גיין אויסגע־פּוצט אין עסיק און אין האָניק, מיט אַ בונט שליסלען אין האַנט און שילטן די דינסטן אויף וואָס די וועלט שטייט".

ס'איז ניט קיין זייער סימפּאַטיש בילד.

טביה זאָגט וועגן די גבירים: „אַז מען האָט די מאות, האָט מען די דעות, און אַז מען איז אפשר רײַך, איז מען געוויס קלוג". ווי מיר זעען, האָט ער וועגן די גבירים ניט זייער קיין גוטע מיינונג. און ווען ער לאָזט זיך אַרײַן אין חלומות וועגן רײַכקייט, שלאָגט ער זיך גלײַך אָפּ: „טביה, צו וואָס דאַרפסטו דאָס?"

ווען ער איז געגאַנגען צו זײַן איידעם, צו פּדהצרן, האָט ער גע־טרוימט, אַז ער וועט זײַן אַ גביר. פּדהצרס אַ שותף. ער וועט וווינען אין יעהופּעץ און אַרויספאָרן אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד. גלײַך אָבער גיט ער אַ טראַכט, אַז עס איז אַ סך בעסער צו זיצן אויפן דאָרף און זײַן אַ מילכיקער, איידער צו זיצן אין אַזאַ טומלדיקער שטאָט ווי יעהופּעץ, און זײַן אַ גביר.

טביה האָט אַ גרונט צו האָבן וועגן גבירים ניט קיין גוטע מיינונג.

צו ערשט טרעפט ער זיך מיט אַראָנטשיקס פעטער און דער וואַרפט טביהן פאָר, אַז ער האָט ספּעציעל אַרײַנגענאַרט אַראָנטשיקן צו זיך, זײַן טאָכטער האָט אַראָנטשיקן פאַרדרייט דעם קאָפּ און איצט וויל טביה פּאָמ־פּעניען געלט פון אַראָנטשיקס משפחה. און אַראָנטשיקס פעטער לייגט נאָך טביהן פאָר געלט, טביה זאָל ניט מאַכן קיין טומל וועגן דער מעשה. דאָס קרענקט טביהן און ער איז אויסער זיך. אים, טביהן, זאָל מען באַשולדיקן אין אַזעלכע זאַכן!

פון אָנהייב באַציט ער זיך נאָך צום גביר איראָניש. ווען יענער רופט אים אָן „טביה", זאָגט ער, אַז צו דער תורה רופט מען אים אויף, „ר' טביה". צום סוף גיט ער שוין אָבער אַ קלאַפּ מיט דער טיר, ער גייט אַרויף אויפן וואָגן, גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין שטרוי—און וויינט. יאָ, טביה וויינט. ער קאָן ניט רויק אַריבערטראָגן, ווען מע באַליידיקט אים אַזוי. טביה, וועלכער ווײַזט קיין מאָל ניט אַרויס זײַנע געפילן, וואָס פאַרדעקט זיי מיט זײַן הומאָר, וויינט.

אין אַזאַ סיטואַציע קען אים דער הומאָר גאָרניט העלפן. ער מוז זיך אויסוויינען. און דאָס איז טאַקע איינע פון די זייער זעלטענע סצענעס, ווו מיר זעען ניט קיין הומאָר.

דער צווייטער גביר, מיט וועלכן טביה קומט אין באַרירונג, איז זײַן איידעם פּדהצר. פּדהצרס פּאָרטרעט, וועלכן טביה גיט אונדז איבער, איז פול מיט הומאָר. מיר זעען פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס מאַכט אַן אײַנדרוק פון אַן אידיאָט, אַ מענטשן וואָס כּיכיקעט שטענדיק און אָט דער

איידעם זײַנער שעמט זיך מיט אים. ער וויל, טביה זאָל אַוועק פון דאַנען, ווײַל עס פּאַסט אים ניט דער יחוס.

טביה האָט פײַנט די גבירים. ער איז ווײַט פון זיי און כאָטש טייל מאָל טרוימט ער נאָך וועגן זײַן אַ גביר, איז ער מיטן גאַנצן האַרצן, מיט זײַן גאַנצן כאַראַקטער נאָענט צו די אָרעמע.

זײַן טאָכטער האָט חתונה מיט אַ שנײַדער. פון אָנהייב קריימט זיך טביה אַ ביסל. ער זעט אָבער אײַן, אַז ער אַליין איז אויך ניט קיין רב, וואָס עס זאָל אים ניט פּאַסטן זיך משדך צו זײַן מיט אַ שנײַדער. און מאָטל קאַמזויל איז גראָד אַ ווילער בחור, אַן ערלעכער אַרבעטער. ער געפעלט טביהן מיט דעם.

אין לעבן פון אָט דעם מענטשן, אין זײַן כאַראַקטער, אין יעדן קער זײַנעם-אומעטום זעען מיר הומאָר; דעם דינעם הומאָר, וואָס איז אַזוי זעלטן צו געפינען, דעם הומאָר וואָס מע האָט פון אים דעם אמתן פאַרגעניגן, דעם אמתן נחת.

מיר ברעכן זעלטן אויס מיט געלעכטער. דער שמייכל אָבער גייט ניט אַראָפּ בײַ אונדז פון פּנים. ווען מיר קוקן אויף טביהן און הערן אים טייל מאָל, ווײַזן זיך בײַ אונדז אין די אויגן טרערן צוזאַמען מיטן שמייכל. טייל מאָל איז דער שמייכל מיט גאָרניט געשטערט. אָבער די גאַנצע צײַט איז ער דאָ.

און ווען שלום-עליכם האָט באַשאַפן טביהן, האָט ער אין אים אַרײַנגעלייגט אַ שטיק פון זיך. ער האָט אים אָפּגעגעבן אַ טייל פון זײַן נשמה און דערפאַר איז אונדז טביה אַזוי נאָענט, ליב און טײַער.

נעשריבן אין 3טן קלאַס פון דער ווילנער ייִדישער רעאַל-גימנאַזיע אין יאָר 1937. אַלט געווען 14 יאָר.

אַ בריוו פון פּעפּערלען צו טביהן

ליבער ר׳ טביה!

האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס איך שרײַב ניט דעם גאַנצן טיטל, ווי זאָגט איר, איר זײַט דאָך אַ מענטש, וואָס קאַטאָרע קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אײַך ניט אַרײַנלייגן.

ווי איר זעט, זײַנען מיר ערשט אין ב.

איר וועט דאָך מסתמא זאָגן, אַז ס׳איז באַלד ווי ארץ-ישראל. האָט איר גאָר אַ גרויסן טעות. מיר וועלן אָבער וועגן דעם ריידן אַ צווייטן מאָל, ווען איר וועט קומען צו אונדז.

איך בין דאָ דער פאַרוואַלטער פון אַ טראַקטאָר-סטאַנציע. אַרבעט איז דאָ ביז איבערן קאָפּ, און קיין ברויט פעלט אויך ניט. אײַך וועט דאָ געפעלן ווערן. איר זײַט דאָך עפּעס ר׳ טביה דער מילכיקער, און דאָ וווינען מיר אויפן דאָרף, מע האָדעוועט בהמהלעך, מע פירט מילכיקס אין שטאָט אַרײַן.

אויב איר קווענקלט זיך וועגן גאָטזאַכן, דאַוונען, אָפּהיטן שבת וכדומה, זאָלט איר גאָרניט דאגהן: אײַך וועט מען פאַר מיר און פאַר אונדז אַלעמען דאָרטן ניט שמײַסן. און אונדז וועט מען דאָ אויך גאָרניט טאָן פאַר אײַערע עבֿרות.

איר געדענקט, טביה, ווי איר האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון אונדזערע „אַרבעטן", און פון „טובת־הכלל". אָבער אויסגעפירט האָבן מיר טאַקע. אונדזער חלק ירושה בײַ די יעהופּעצער נגידים האָבן מיר אָפּגענומען און די ירושה איז, קיין עין־הרע ניט, אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ לײַט. עס איז אָנגעוואַקסן פּראָצענטער.

איצטער פאַרשטייט איר שוין מסתמא אַלץ, וואָס עס איז אַ מאָל געווען און וואָס עס איז געווען מײַן טועכץ, און פאַר וועלכע מעשים־טובים איך בין געזעסן. נאָר וואָס ס׳איז געווען איז אַוועק. ערשט זײַנען דאָ נײַע זאַכן וועגן וואָס צו ריידן.

ווען איר וועט קומען צו אונדז, וועלן מיר וועגן דעם אַלץ אַ שמועס טאָן און טאַקע בשעת־מעשה כאַפּן מיט אונדז אַ גוטן מיטאָג אָדער אַ וועטשערע פון אונדזערע אייגענע פעלדער און טשערעדעס. מיר האָבן אַלץ, וואָס מע באַדאַרף, און עס פעלט אונדז גאָרניט.

זעט קומט צו פאָרן וואָס גיכער, מיר וואַרטן שוין אויף אײַך.

אײַער פעפערל

נעשריבן אין 4טן קלאַס רעאַל־גימנאַזיע אין 1937.
אלט געוועזן 15 יאָר.

די חברים וועגן באָרען

דער רושם פון באָרעס טויט אויף די חברים איז דער רושם פונעם טויט פון זייער אַ נאָענטן, אַזאַ בלוטנאָענטן, נאָך וועלכן עס בלײַבט אויף לאַנג אַ טיפע ווונד אין האַרצן, וועמעס טויט עס לאָזט זיך ניט תופס זײַן, און כאָטש מע האָט אים אַליין געבראַכט צו קבורה, דאָך לאָזט זיך ניט גלייבן, אַז ער איז באמת ניטאָ.

„טראָט נאָך טראָט... טראָט נאָך טראָט... וואָס טו איך דאָ? וווּהין גיי איך? איך טראָג אַ קראַנץ. איך בין אויף אַ לוויה... נעכטן בין איך געווען אין מתים־שטיבל פון שפּיטאָל. הײַנט בין איך געשטאַנען לעבן אַן אָרון. איז דאָס באָרקע? גאָר, באָרקע איז צווישן די, וואָס גייען נאָך דער עגלה; ס׳איז, ווײַזט אויס, געשטאָרבן אַן אַנדערער. ווער קען דאָס זײַן?.. ס׳איז דאָך באָרקע.

אָט די געדאַנקען, אַז דאָס איז טאַקע באָרקע, פלעגן מיר אַלע ווײַלע געבן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ אַזוי, אַז איך פלעג זיך מוזן אײַנבייגן".

דאָ קומט אויך צום אויסדרוק די אומבאַגרײַפלעכקייט פונעם טויט בכלל, באַזונדערס פאַרן יוגנטלעכן.

...„עפּעס אַ מאָדנער וואָרט „שטאַרבן". עס ווילט זיך אים ניט אַרויסזאָגן! אַ מאָדנער צוזאַמענהאַנג: באָרקע—שטאַרבן. ווי קען דאָס זײַן, אַז באָרקע זאָל שטאַרבן?"

אַ צווייטער שרײַבט:

„זייער שווער מסכּים צו זײַן מיטן געדאַנק. אַ זאַך ניט צו פאַרשטיין".

„...ניין. כאָטש כ'האָב געזען, ווי אַ וועלט מיט מענטשן האָבן אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כּבוד, בין געווען אויף זײַן לוויה און האָב געזען, ווי מע האָט זײַן קערפּער מיט דער שוואַרצער ערד באַדעקט, גלייב איך ניט, אַז באַרקע איז פון אונדז אַוועק".

דאָס וואַקלען זיך צווישן דעם באַוווּסטזײַן פון דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט און דעם וואָס ס'איז געווּנטשן איז באַזונדערס בולט אין אָט דעם אָפּשניט:

„...איך דערמאָן זיך: שטייענדיק אויפן בית-עולם בײַ זײַן פרישן קבר, האָב איך זיך אומגעקוקט אויף די חברים און האָב אַ קלער געטאָן: מע מוז איצט עפּעס זאָגן. ווער פון אונדז וואָלט אין דעם מאָמענט געקענט זיך דאָס אָננעמען צו טאָן? ווי שטענדיק, איז שוין געווען גרייט אין קאָפּ אַן ענטפער. נאָר איך האָב זיך וואָס דערמאָנט, און עס האָט מיר גע-געבן אַ טיפן שטאָך אין האַרצן.

...ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זײַן טויט, האָב איך ניט גע-וויינט. איך האָב ניט געוויינט, ווען מע האָט אים אַראָפּגעלאָזן אין קבר. דער שוואַרצער, מיט בלומען באַשאָטענער קאַסטן האָט מיר אויסגעזעהן מאָדנע ווײַט און פרעמד. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווײַל ס'איז מיר אומ-מעגלעך פאַרצושטעלן זיך, אַז באַרקע איז געשטאָרבן.

יעדער מאָל, ווען איך גיי אַרײַן אין קלאַס, וואַרף איך מיט האָפענונג אַ בליק אויף זײַן פּוסטן אָרט און איך פאַרוווּנדער זיך ווידער אַ מאָל, וואָס איך דערזע אים דאָרטן ניט".

אַ סך חברים שטעלן זיך אָפּ אויף זײַן פּשוטקייט, באַשיידנקייט.

„...באַרקע פלעגט קיין מאָל ניט אויפהייבן די האַנט אויף דער לעקציע, כאָטש ער האָט צו גוט געוווּסט דעם ענטפער".

„...אַ שטילער, באַשיידענער! קיין מאָל פלעגט ער קיין כּבוד ניט זוכן, שטענדיק שטיין אָן אַ זײַט".

„...דאָס האָסטו פאַר אַ מיינונג אויף דער שריפטלעכער אַרבעט? (אַגב איז איבעריק געווען צו פרעגן, ער האָט שטענדיק געהאַט פינפן).

– עס, גאָרניט – ענטפערט ער מיט אַ שמייכל אין די בלויע אויגן.

...ער פלעגט אָפט דערציילן זײַן חבר, ווי שלעכט ער פילט זיך, ווען דער לערער געטרויט אים יאָ און אַנדערע ניט. ער האָט לחלוטין ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס דאָס קומט אים...".

איין שילער דערציילט וועגן באַרעס טריומף נאָך דער טביה-פאַר-שטעלונג. „ער אָבער שטייט און שמייכלט, זײַנע ליפן שעפּטשען עפּעס. ער האָט זיך פאַרשעמט פון די סך אָוואַציעס. ער האָט געמיינט, אַז עס קומט אים ניט".

נאָך איינער שרײַבט:

...נט איך קען באַרקען, האָב איך נאָר איין מאָל געהערט פון באַרקעס מויל אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך אַליין: „איך וואָלט שוין וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די פוילע אינטעליגענטישקייט און ווערן אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק".

די קינדער שטרײַכן אונטער באַרעס גוטסקייט, די גרייטקייט שטענדיק צו קומען יענעם צו הילף.

„... ער פלעגט קיין מאָל זיך ניט אָפּזאָגן צו העלפן עמעצן. עס פלעגט אים קיין מאָל ניט זײַן צו שווער צו טאָן עפּעס פאַר יענעם".

„... אַ בייזן, אין כעס זע איך באַרקען קיין מאָל ניט. איך זע אים אַפילו זעלטן אַן ערנצטן. ערנצט איז ער נאָר, ווען ער קוקט אין פענצטער מיט ברייט צעעפנטע אויגן און טרוימט".

„... כ'קען זיך ניט דערמאָנען אַזאַ פאַל, ווען באַרקע זאָל שרײַען אויף עמעצן אָדער זיך זידלען. ער האָט גאָרניט געקענט שרײַען. ער איז ניט געווען פעיִק צו האַסן".

„... צי האָט זיך געטראָפן אַ פאַל, אַז באַרקע זאָל ניט שמייכלען?"

בכלל די ליבע געשטאַלט, דער אייביקער שמייכל אויפן פנים און אין די מילדע בלויע אויגן, וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף אַ שטענדיק שלאָגנדיקן קוואַל פון הומאָר, ווערט אָנגעמערקט כמעט פון יעדן חבר.

אַז דער דאָזיקער הומאָר איז געווען פון דעם סאָרט איידעלן הומאָר, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס די עכטע הומאָריסטן, ווי טביה צ"ב, האָבן אַ סך פון זיי דערפילט: „... ער איז אין פיל זאַכן געווען ענלעך צו דעם ליבן העלד פון שלום-עליכמס ווערק, צו טביה דעם מילכיקן.

ווען באַרקע האָט אין זײַן אויסגעצייכנטער אַרבעט א"נ „טביהס הומאָר" כאַראַקטעריזירט טביהן, האָט ער דאָרטן אייגנטלעך געגעבן אַ שטיק זעלבסט-כאַראַקטעריסטיק. ער שרײַבט אין דער אַרבעט: „און ווען שלום-עליכם האָט געשאַפן טביהן, האָט ער אין אים אַרײַנגעלייגט אַ שטיק פון זיך, ער האָט אים צוגעגעבן אַ טייל פון זײַן נשמה, און דערפאַר איז אונדז טביה אַזוי נאָענט, ליב און טײַער". דאָס זעלביקע קענען מיר זאָגן וועגן באַרקען. מיט וואָס איז באַרקע ענלעך צו טביהן? באַרקע האָט געליטן אַ סך פיזישע ווייטאָקן (און אפשר אויך מאָראַלישע) און דאָך פלעגט ער שטענדיק שמייכלען און פאַר קיינעם זיך ניט באַקלאָגן. אַ שמייכלענדיקער איז ער אויך געשטאָרבן. באַרקע איז געווען אַ שטיק טביה און דערפאַר האָט ער טביהן אַזוי גוט פאַרשטאַנען און אַזוי גלענצנדיק געשפּילט טביהס ראָלע אויף דער שלום עליכם-פאַרשטעלונג".

אַ סך דערמאָנען, אַז אויך נאָכן טויט איז אויפן פנים געבליבן דער אייביקער כאַראַקטעריסטישער שמייכל.

דער שמייכל, דער הומאָר האָבן אים טאַקע געהאָלפן זיך קעגנשטעלן געוויסע מיאוסע דערשײַנונגען, זיך שטעלן העכער פאַר די, מיט וועמען ער האָט געהאַט צוזאַמענשטויסן.

אָט דערציילט אַ חבר: געווען אַ צײַט, אמת אַ קורצע, ווען בײַ אײניקע חברים איז געוואָרן אַ ספּאָרט בּאָרקען צו בּאַליידיקן, אָפּצולאַכן פון אים, און דערפאַר, וואָס ער פלעגט קיין מאָל אויף דעם שפּאָט ניט ענטפערן, פלעגט מען וועלן אויספּרוּוון, ווי לאַנג וועט אויסהאַלטן זײַן געדולד. נאָך אַ שטאַרקער און נײַער בּאַליידיקונג האָט אַ חבר אַ מאָל בײַ בּאָרקען געפרעגט, פאַרוואָס רעאַגירט ער ניט. בּאָרקע האָט דערקלערט: „ס'איז געווען נאַריש און ס'האָט דעריבּער אויף מיר קיין שום אײַנדרוק ניט געמאַכט. ווען איך וואָלט זיך דענערווירט און רעאַגירט, וואָלט אין דעם בּאַליידיקער קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען. אַזוי אָבער האָט ער געמוזט אַ טראַכט טאָן, און האָט זיכער אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז געווען נאַריש. דעריבּער האָב איך זיך צוגעווינט אין אַזעלכע מאָמענטן זיך צו בּאַהערשן, און ניט אָפּצוענטפערן".

ער איז געווען די נשמה פון קלאַס, זײַן אָנפירער, זײַן „קאָפּ" ווי עס דריקט זיך אויס איין חבר.

„...ער איז געווען דער מוסטער פונעם קלאַס. ווער עס האָט מיט אים געהאַט צו טאָן נעענטער, האָט מיט זיכערקײַט געקאָנט זאָגן, אַז בּאָרקע איז זײַן לערער!"

„...דאַרף מען עפּעס בּאַשטימען, אָרגאַניזירן, האָלט מען זיך אָן עצה מיט בּאָרקען, וועלכער הערט אַלעמען אויס און ווייס ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען, וואָס מע דאַרף טאָן. מע הערט אָפּט שטימען: „בּאָרקע איז שוין ווידער קראַנק, און ס'איז ניטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, כאָטש נעם און צערײַס זיך אויף שטיקער".

די חברים האָבן געפילט צו אים אַ טיפע פּיעטעט. געהאַלטן, אַז ער איז געווען אַן אידעאַל פון אַ מענטשן.

..„דאָס איז אַ טיפּ פון הוילע מעלות, ער האָט קיין חסרונות ניט געהאַט. אפשר איז געווען אַ חסרון דאָס, וואָס ער פלעגט שטענדיק דעם אמתן טײַערן בּאָרקע, וועלכן מיר האָבן אַזוי האָלט געהאַט, בּאַהאַלטן". .

און אַ צווייטער „ווען כ'וואָלט בּאָרקען אַליין ניט געקענט, וואָלט איך אָן שום ספק געמיינט, אַז אַלץ, וואָס מע האָט געזאָגט וועגן אים, איז אַ גוזמא, אַז עס קען ניט עקסיסטירן אַזאַ פולקום אידעאַלער מענטש. נאָר ווער, ווער, אָבער איך, וואָס האָב אים מער ווייניקער געקענט, ווייס, אַז אין די אַלע ווערטער איז ניט געווען קיין טראָפּן איבּערגעטריבּנקייט... ,

קיין מאָל האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין די ווערטער „זײַן גײַסט וועט אייבּיק בלײַבּן צווישן אונדז" אָדער „הייליק וועט זײַן דײַן אָנדענק", איצט צום ערשטן מאָל פיל איך עס און פאַרשטיי".

די קאָמפּליצירטקייט פון דער פּערזאָן די אינעווייניקסטע בּאַצווינגקראַפט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אים, זעט מען אין די פאָלגנדיקע מיינונגען:

„...שטענדיק האָב איך זיך געבּראָכן דעם קאָפּ איבּער דעם, פאַר וואָס שלאָגט פון אים אַזאַ צוציִונגס-קראַפט, פאַר וואָס פאַרשפּרייט ער אַרום זיך

אזא אטמאספער פון יראת-הכבוד און גרויסקייט פון זײַן פערזאָן". און ער גיט אויפריכטיק צו: „איך דערמאָן זיך, ווי איך און אַלע חברים האָבן געהאַלטן פאַר אַ גליק און כבוד, ווען באָרקע פלעגט צוגיין צו אונדז רײדן מיט אינדז, אָדער גלאַט שטיין לעבן אונדז אַ ווײַלע".

נאָך און נאָך חברים דערציילן, אַז באָרע איז פאַר זיי געווען אַ רעטעניש. זיי קענען ניט דערקלערן דעם סוד, וואָס איז געלעגן אין זײַן געשטאַלט. אָבער אַלע האָבן אים געמוזט ליב האָבן, אַלע האָבן פאַר אים געהאַט יראת-הכבוד.

„...מיר קומען אָן אין גימנאַזיע, דערציילט אַ שילער, די נײַע חברים קענען ניט באָרקען. פון דעסט וועגן ווערט ער גלײַך אויסגעקליבן אין דער קלאַסן-קאָמיסיע. ווי ער קומט, דערפילט מען זײַן אויטאָריטעט, מען זעט גלײַך, אַז באָרקע איז שענער און איידעלער פאַר אַלעמען".

נאָך אַ חבר דערציילט מיט התפעלות וועגן באָרעס וואונדערבאַרער פאַרטיידיקונגס-רעדע אויפן משפט איבער „כאַנצע שווײַג" און גיט צו: „ציניפגעשטעלט האָט ער די רעדע אויפן גרונט פון מאַטעריאַלן, וועלכע איך וואָלט ניט געקענט פאַרשטיין. באָרקע אָבער האָט פאַרשטאַנען אַלץ".

באַוואונדערונג רופן אַרויס אייניקע פאַקטן און געדאַנקען באָרעס, ווי עס איז קאָנטיק אַזאַ ערנצטקייט, אַזאַ פילאָזאָפיש-קלוגע אײַנשטעלונג.

אַט זאָגט ער צו אַ חבר: „דו רייד שטענדיק וועגן דעם, וואָס דיך אינטערעסירט, ניט וועגן דעם, וואָס דו מיינסט, אַז עס אינטערעסירט דעם צווייטן, דאַן וועט עס אויך פאַרן צווייטן זײַן אינטערעסאַנט. אַזאַ עצה—ניט מוותר צו זײַן אויף דער אייגענער אינדיווידואַליטעט-קען מען דערוואַרטן נאָר פון אַ זייער דערפאַרענעם און דענקענדיקן מענטשן.

אַ צווייטער געדאַנק, וואָס כאַראַקטעריזירט די גאַנצקייט און ריינקייט פון זײַן נשמה: „שלעכט איז, ווען בײַ אַ מענטשן האַרמאָנירט ניט די אידעאָלאָגיע מיט זײַן פערזענלעכן לעבן; דאַן קומט פאַר אין אים אַ גרויסער מאָראַלישער קאַמף. איז, דער מענטש שטאַרק, זיגט די אידעאָלאָגיע, איז ער אָבער שוואַך, וועט ער זיך פון דער אידעאָלאָגיע אָפּזאָגן".

וועגן באָרעס טאָלעראַנץ צו קעגענער דערציילט אַ חבר:

„...ער איז געווען פונקט דער היפוך פון די וואָס מײנען זיך מיט כוח צו פאַרשרײַען דעם, וואָס טראַכט אַנדערש ווי זיי. ער פלעגט אַלע מאָל פּרוּוון איבערצײַגן דעם קעגענער אין דער ריכטיקייט פון זײַנע איינענע גלייבונגען".

איין מאָל איז ער אַ דאַנק אַ בײַשפּיל וואָס ער האָט געבראַכט, כדי מיר בעסער געבן צו פאַרשטיין, געקומען צו אַ היפּוכדיקן אויספיר. ער האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן, ניט צוריקגעצויגן דעם בײַשפּיל, ווי עס וואָלטן געטאָן פיל אַנדערע, נאָר ער האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט: „דו ביסט גערעכט. זייער שלעכט וואָס איך האָב וועגן דעם ניט געטראַכט. איך וועל זיך נאָך פאַרקלערן וועגן דעם".

ווי שטאַרק ס'איז געווען אין באַרען אַנטוויקלט דאָס באַוווסטזיין פון געזעלשאַפטלעכער פליכט, די פרייד פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז קאַנטיק פון אַזוינע שטעלן:

„...כ'פלעג אים אָפט זען אַ צעשטראַלטן. דאָס פלעגט זיין דאַן, ווען ס'פלעגט זיך אים איינגעבן גוט אויסצופירן אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט".

„אָפט פלעג איך טראַכטן, אַז ער וועט זיין אַ פירער. ער האָט גע-האַט אין זיך אַ סך פון אַ פירער".

דעם דאָזיקן פירער-שטריך מערקן נאָך אַ סך אָן.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר ליידער דורכלאָזן די ערטער פון די חברימס אַרבעטן, וווּ עס קומט צום אויסדרוק דער טיפער ווייטאָק, דער אויפריכטיקער צער פון דער אבדה.

מיר ברענגען נאָר נאָך אייניקע ציטאַטן, וווּ עס ווייזט זיך אַרויס די דערהייבנדיקע השפעה פון דעם פאַרשטאָרבענעמס פערזענלעכקייט, דער ווילן צו נעמען אים פאַר אַ מוסטער, צו אָנערקענען אים פאַר אַ וועג-ווייזער אין לעבן:

„...ער איז שטענדיק געווען מיין ביישפּיל. אין אַ סך פראַגעס פלעג איך נעמען אַ שטעלונג ניט טראַכטנדיק, נאָר ווייל ער האָט אַזוי געמיינט...
... ווען כ'פלעג זיין אין עפּעס אומזיכער, פלעג איך טאָן אַ קוק אויף אים און זיך באַרויִקן".

...„דיין שטראַלנדיקע געשטאַלט, באַרקע, וועט אונדז זיין אַ וועג-ווייזער צו העכערע צילן".

... „לאָמיר זיך לערנען פון אים, און זאָל ער אונדז שטענדיק דינען פאַר אַ גוטן ביישפּיל".

... „ווען איך גיי עפּעס טאָן, גיב איך שטענדיק אַ טראַכט: „וואָס וואָלט באַרקע געטאָן אין דעם פאַל, ווי וואָלט ער געלייזט די אָדער יענע פראַגע?" און ער ענדיקט: „האָסט דאָך אונדז, טייערער חבר, שטענדיק געדינט פאַר אַ מוסטער, און וועסט אויך ווייטער דינען".

און אַזוי אַלע...

באָרע גלעזערס אַרבעטן

אַרויסגעגעבן צו שלושים נאָך זײַן טויט דורך פֿרײַנד פֿון דער
סאָפּיע גורעוויטש־שול און פֿון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע.

אונטער דער רעדאַקציע פֿון כ. חײַמסאָן און מ. ראַבינאָוויטש

ווילנע, דעם 21טן מאַי 1937

Wypracowania Bori Glezera wydane ku uczczeniu Jego pamięci przez przyjaciół szkoły Ż. C. O. Sz. i gimnazjum żyd. w Wilnie.

Red. odp.: **Michał Rabinowicz**

DRUK. „EXPRESS" WILNO